THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

MAY, 1924
VOL. IV No. 8

# Gentile Christian knows Bible better than Jews.

We Jews ought to be somewhat ashamed when a Gentile knows the Bible better than we do. One such Gentile who became a believer in the Lord Jesus Christ and is therefore a true Christian, has sent us a remarkable paper, in which he has taken up a great many of the Old Testament prophecies and compares them with the historical fulfillment as recorded in the New Testament. The comparisons are so striking that they ought to command the attention and thought of every honest-minded Jew. The name of this Christian brother is George H. Foote and we are printing his compilation as follows:

## Prophecies of the Old Testament concerning our Messiah and their Fulfillment.

| The Prophecy | | The Fulfillment | |
|---|---|---|---|
| 1. He was to be born in Bethlehem. | Micah 5:2 | 1. He was born in Bethlehem. | Luke 2:4-7 |
| 2. He was to be born of a virgin. | Isa. 7:14 | 2. He was born of a virgin. | Luke 1:30-35 |
| 3. He was to be called out of Egypt. | Hosea 11:1 | 3. He was called out of Egypt. | Matt. 2:20-21 |
| 4. He was to be a great light. | Isa. 9:1-2 | 4. "The people . . . . . . . saw a great Light." | Matt. 4:16 |
| 5. He was to bear our sins. | Isa. 53:4-5 | 5. "Himself took our infirmities and bare our sicknesses." | Matt. 8:17 |
| 6. He was to come riding upon an ass. | Zech. 9:9 | 6. "Thy king cometh unto thee sitting upon an ass." | Matt. 21:5 |
| 7. He was to be betrayed for thirty pieces of silver. | Zech. 11:12-13 | 7. "And they covenanted with him (Judas) for thirty pieces of silver." | Matt. 26:15 |
| 8. His hands and His feet were to be pierced. | Psa 22:16-20 | 8. "And it was the third hour and they crucified Him." | Mark 15:25 |
| 9. He was to be spit upon. | Isa. 50:5-6 | 9. "Then did they spit in his face." | Matt. 26:67 |
| 10. He was to submit silently to insult and abuse. | Isa. 53:[illegible] | 10. "And when he was accused he answered nothing." | Matt. 27:12 |
| 11. He was to be despised and rejected of men. | Isa. 53:3 | 11. "And the men that held Jesus mocked Him." | Luke 22:6[illegible] |
| 12. He was to be buried with the rich. | Isa. 53:9 | 12. "There came a rich man of Arimathea . . . . . and begged the body of Jesus . . . and laid it in his own new tomb." | Matt. 27:57-69 |
| 13. He was to be given gall for meat. | Psa. 69:21 | 13. "They gave him vinegar to drink mingled with gall." | Matt. 27:34 |
| 14. He was not to see corruption. | Psa. 16:10 | 14. "There was a great earthquake . . he is risen." | Matt. 28:2 6 |
| 15. He was to ascend on high. | Psa. 68:18 | 15. "A cloud received him out of their sight." | Acts. 1:9 |

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן י׳ 11

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל ל״ד 23

א מאנאט׳ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת׳דיגען משיח

Subscription Price 50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

MAY, 1924
VOL. IV No. 8


## א פוילישער אפיציער שיעסט א איד

אשרעק און א ציטער איז דורכגעגאנגען די הערצער פון אלע אידען פון פוילען דורך דעם מארד וואס א פוילישער אפיציער איז מיט איניגע וואכען צוריק באגאנגען געגען דעם אידישען פאבריקאנט, אדאלף לינסקער, פון זלאטשעוו, פוילען; לויט ווי די צייטונגען האבען אונז ערצעהלט אויף וואס פאר אן אופן דער מארד איז באגאנגען געווארען, איז עס ווי פאלגט:

"א אידישער רייכער פאבריקאנט האט אויף א לעמבערגער וואקזאל געוואלט אריין געהן אין א צווייטער קלאס קופע פון דער אייזענבאהן. ביים אריינגאנג איז געשטאנען א פשוט׳ער פאליאק און אן אפיציער פון דער פוילישער ארמעע. לינסקער האט זיך אפנים געאיילט אריין צוגעהן האט ער געבעטען דעם פאליאק אז ער זאל איהם דורך לאזען. דא האט זיך דער אפיציער צו איהם אנגערופען. "קענסט ניט אביסעל איינשטעהן און ווארטען אזוי ווי מיר טהוען!" לינסקער האט אבער אבגעענטפערט דעם אפיציער: "האב איך דען צו אייך גערערט? איך רעד אט דא צו דיעזען הערר." דער אפיציער האט זיך דערמיט געפונען באליידיגט און אויסגעשריגען מיט כעס צום איד: "פארמאך דיין פיסק דו זשיד!" און אלס א צוגאב האט ער איהם אויך דערלאנגט א מתנת יד. לינסקער האט אבער ניט געוואלט שולדיג בלייבען און האט זיין אנגרייפער צוריק מכבד געווען מיט א טראסק אין די ציינער; באלד דרויף האט דער רוצח ארויס געכאפט זיין רעוואלווער און אויסגעשאסען אויף׳ן איד, וועלכען מ׳האט באלד גענומען אין שפיטאל וואו ער איז אונטער שרעקליכע יסורים געשטארבען."

דער מערדער געהט צוואר ארום פריי, ווייל דאס איז פוילען, וואו די עפענטליכע מיינונג איז געגען איד; דאס לאנדעס־געזעץ איז אבער ניט אזוי. מ׳וועט דעם אפיציער נאך אודאי נעמען אויף׳ן צימבעל. אויספרעגען עדות. און דאס אונשולדיגע בלוט פון אדאלף לינסקער וועט אודאי האפענטליך ניט פארשווינען ווערען.

נור, וואס פאר א פועל יוצא די זאך זאל ניט האבען, דער איד "לינסקער" וועט שוין מעהר ניט לעבעדיג ווערען. די אלמנה און זיינע קליינע יתומים וועלען דעם שרעקליכען וואונד ניט אזוי ליכט פארגעסען אפילו ווען דאס געריכט וועט דעם מערדער אויך זיין פארדיענטע שטראף געבען.

וואלט דיעזער איד "לינסקער" געווען דער איינציגער קרבן פון דעם פארגיפטעטען אידען־האס וואלט עס ניט געווען אזוי שרעקליך. אבער ווען מיר הערען אזוי אפט פון אזאלכע אינצידענטען וואו אידיש בלוט ווערט פארגאסען ווי וואסער, פרעגען מיר זיך אין אונזערע געדאנקען: געוואלד, וואס זאל דאס בעדייטען? פארוואס זאלען אזוי פיעל אידישע קרבנות אויפגעאפפערט ווערען אויף׳ן מזבח פון איגנאראנץ און האס? עד מתי, ווי לאנג וועט דאס אזוי אנהאלטען?

מיר האבען שוין פיעלע מאל באוויזען דורך די קאלומס פון דיעזען בלאט, אז ווען אידען זאלען גלויבען אין ישוע המשיח וואלטען אזויפיעל אומגליקען ניט פאסירט צווישען אונזערע פיעל געפלאגטע אידישע ברידער פון יוראפ. און טאקע דא האבען מיר א נייעם באווייז אין דיעזער טרויריגער געשיכטע פון דעם אפיציער און דעם איד "לינסקער".

אין ברית חדשה, מתתיהו ה. 38, 39, לייענען מיר: "עס איז געזאגט געווארען, אן אויג פאר אן אויג, א צאהן פאר א צאהן, אבער איך זאג אייך איהר זאלט ניט ווידערשטעהן דעם שלעכטען". אט דיעזע פערלדיגע ווערטער האט אונז אנגעזאגט און באלעהרט ישוע המשיח דער גואל ומושיע, דער פודה ומציל וואס האט געוואלט און וויל אונז נאך היינט ארוים שלעפען פון אלע צרות.

לאמיר זיך אקארשט אנידער שטעלען פאר איניגע מינוטען אין דענקען: למשל, ווען מיר לינסקער וואלט געווען וויסען און פאלגען די ציכירטע ווערטער פון ישוע המשיח, און וואלט ניט געווען צוריק געפאטשט, וואלט ער דאך ניט געווען פארלוירען זיין לעבען פאר דער צייט, און וואלט נאך געווען א פאטער צו זיינע קינדער.

עס איז איבריג צו זאגען אז ווען דער אפיציער וואלט געגלויבט אין ישוע המשיח וואלט ער אודאי אויך ניט געווען געפאטשט דעם איד, ווייל ישוע המשיח האט אונז אנגעזאגט אז מיר זאלען ליעבען איינער דעם אנדערען, און אז מ׳ליעבט איינעם פאטשט מען איהם ניט; ניט אזוי? מיר רעדען אבער איצט ניט וועגען דעם רוצח וכל כת דלהון, יענע וועלען שוין זייער פסק באקומען. מיר ציילען אבער מיט אונזערע ווערטער אויף׳ן איד וואס גלויבט ניט אין דעם אידישען משיח. מיר פיהלען א גוואלטיגען שברון לב פון אזאלכע מערדערייען וואס ווערען אויסגעאיבט אויף אידען, עד אין לספר. און מיר וויסען פאזיטיוו אז דער גלויבען אין ישוע המשיח וואלט לגמרי אזאלכע איבלען בעזייטיגט און אידען וואלטען גליקליך געלעבט אויף דיזער וועלט ווי אויך לעולם הבא.

און ווייל מיר זעהען בחוש, אי פון תנ״ך אי פון פראקטישען לעבען, אז אידען קענען געהאלפען ווערען אין אלע היניזיכטען דורך דער אמונה אין ישוע המשיח, דערפאר "הרם כשופר קולך" שרייען מיר הויך ווי מיט א שופר, אז אידען דארפען און זאלען גלויבען אין ישוע המשיח, כדי ניצול צו ווערען פון תרתי דגיהנום. די ערפאהרונג דערמאנט אונז, אז ישוע המשיח׳ס ווערטער אין מתתיהו כג"; 37, גילט אויך נאך היינט. ער זאגט דארט: "ירושלים ירושלים, וואס האסט געטויטעט די נביאים, און געשטייניגט די וואס זיינען געשיקט געווארען צו דיר, וויפיעל מאל האב איך געוואלט דיינע קינדער איינזאמלען ווי א הוהן זאמעלט איין איהרע קינדער אונטער איהרע פליגעל, און איהר האט ניט געוואלט"! ביחוד, די אזוי־גענאנטע אידישע פיהרער, וואס ניט נור ווילען זיי אליין ניט גלויבען אין זייער משיח, נייערט זיי זיינען אין דער בחינה פון יענעם ירבעם בן נבט, חטא והחטיא את הרבים, וועלכע לאזען נישט צו, אז אנדערע זאלען גלויבען אין דעם גואל אמת. זיי, די רעדעל־פיהרער זיינען אנגעפילט מיט האס דאגעגען און ווילען גאר ניט איינזעהן וויפיעל אידישע קרבנות זייער פארזשאוועטע שנאה צו ישוע המשיח האט שוין אבגעקאסט דעם אידישען פאלק, און ווען זייא וועלען אזוי אנהאלטען, מי יודע וויפיעל נאך קרבנות זיי וועלען דאדורך מקריב זיין צו מולך.

זאלען ניט די וועה־געשרייען און קולות פון אידישע קרבנות וועלכע געהען ארויף עד לב השמים, אן עכא אריינברינגען אין זייערע הערצער און איינהאלטען זייער חוצפה׳דיגען קשה עורף און ניט זיין "על ד׳ ועל משיחו"? ניט זיין ווי די לאנגסטיגע אידישע דורות וועלכע האבען פארווארפען זייערע אידישע נביאים (ירמיה ג, 17) און האבען געבראכט אומגליק אויף דורי דורות!

די אויביגע אילוסטראציע וואס מיר האבען גע־


Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3, 1879